מגן ומושיע
To prevent and to help • צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך

# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

פרשת טהרה ~ כ"ו אדר ב' תשע"ד

גליון כ"ו

# חומרות אן אנגעצויגנקייט

***עס איז אמאל געווען** א קעניג וועלכער האט געהאט א ספעציעלער מיניסטער באשטימט צו זיכער מאכן אז ער האט שיינע בגדים. דער מיניסטער איז שטענדיג געלעגן ראשו ורובו אין זיין ארבעט, און זיכער געמאכט אז דער קעניג האט טאקע פון דעם שענסטן און בעסטן אנצוטון ווי עס פאסט. און אלע האבן ווירקליך באוואונדערט די שיינע מלבושים פון דעם קעניג.*

*איינמאל האט דער קעניג אריינגערופן זיין מינסטער און אים געלאזט וויסן אז ער ווערט אפגעזאגט פון דער ארבעט. די בשורה איז געפאלן אויף דעם מיניסטער ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, און ער האט זיך באלד אנגעהויבן בעטן פון דעם קעניג ער זאל אים זאגן וואספארא חטא ער האט געטראפן אין אים.*

*אלס אן ענטפער האט אים דער קעניג דערציילט אז לעצטנס האט מען געדארפט האבן א לעדערנעם מלבוש פאר'ן קעניג, און ער איז געוואויר געווארן אז דער זון פון דעם מיניסטער ארבעט מיט לעדער און קען אים דאס צושטעלן. ווען ער האט דאס געהערט האט ער אים געלאזט רופן און געפרעגט, "פארוואס דארפסטו ארבעטן מיט אזא ביליגע און אומבא'טעמ'טע ארבעט, ענדערש בעט דיין פאטער אז ער זאל דיר אויסלערנען זיין ארבעט ווי אזוי צוצושטעלן מיינע בגדים, כדי אז ווען ער שטארבט זאלסטו אים קענען איבערנעמען?"*

*ווען דער זון האט געהערט די פראגע האט ער געענטפערט, "אדוני המלך, איך וועל דיר זאגן דעם ריינעם אמת. מיין טאטע האט טאקע געהאט א בכבוד'יגע ארבעט, אבער ער איז שטענדיג ארומגעגאנגען פאר'דאגה'ט און פארזארגט. יעדן מאל וואס ער האט צוגעשטעלט א בגד פאר'ן קעניג האט ער נישט געקענט עסן אדער שלאפן, און ער האט זיך ארומגעדרייט אן א קאפ זאגנדיג, 'ווער ווייסט אויב דער בגד פאסט טאקע פאר'ן קעניג?'. איך בין נישט אינטערעסירט אין אזא ארבעט, איך וועל ענדערש האנדלען מיט לעדער."*

*דער קעניג האט געענדיגט דערציילן די מעשה און געזאגט פאר זיין מיניסטער, "אנשטאט זיך אפרעדן און זיך ארומדרייען כסדר פאר'דאגה'ט וואלסטו געדארפט ארומגיין מיט א שמייכל און זאגן, 'איך בין אזוי צופרידן אז איך האב געהאט די זכיה צוצושטעלן א בגד פאר דעם קעניג!', אזוי וואלט דיין זון דיר געוואלט נאכמאכן."*

דער משל איז שטארק נוגע פאר די יעצטיגע ערב פסח טעג. אידן גרייטן זיך צום יום טוב פסח, און מען זוכט צו מקיים זיין אלע סארטן הידורים און חומרות. מען טאר אבער נישט פארגעסן אז דאס זאל נישט גיין אויפ'ן חשבון פון א רואיגע און פרייליכע אטמאספערע אין שטוב. עס האט מיר דערציילט א יונגערמאן אז ווען ער וויל זיך אויס'משל'ן ווי טרויעריג מען דארף זיין אום תשעה באב טראכט ער ווי אזוי עס האט אויסגעזען פסח ביי זיין טאטן אין שטוב. ווי אלע אכט טעג האט מען זיך ארומגעדרייט אנגעצויגן אויס זארג אז מען איז נישט עובר אויף א חומרא.

אודאי איז זייער וויכטיג אנצוהאלטן מיט די חומרות און זהירות וואס מיר האבן מקובל פון די עלטערן, אבער אפילו דעמאלט טאר דאס אויך נישט צוגיין מיט אן אנגעצויגנקייט. פארקערט, מען דארף מסביר זיין פאר די קינדער מיט א פרייליכקייט וואספארא גרויסע יום טוב פסח איז און די זכיה וואס מיר האבן אז מיר קענען מקיים זיין אזויפיל מצוות. אויב די חומרות קומען אויפ'ן חשבון פון אנגעצויגנקייט דעמאלט טוט מען נאר אויף דאס פארקערטע, ווייל ווען די קינדער וועלן אויפוואקסן וועלן זיי נאר געדענקען אז פסח אינדערהיים איז געווען אנגעצויגן און פארביטערט און זיי וועלן עס נישט וועלן נאכמאכן.

> **מען דארף טוהן אלץ וואס מען קען און דערנאך טאהר מען זיך נישט זארגן, נאר זיין רואיג און זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער**

עס איז גאר וויכטיג אז די קינדער זאלן בלייבן מיט גוטע זכרונות פון די ימים טובים אינדערהיים, ווייל אזוי וועלן עס די קינדער ווייטער נאכטון. די וואך שטייט אין די פרשה די מצוה פון ברית מילה. איך האב אמאל געהערט א טייער ווארט אויף דעם וואס מען זאגט ביי א ברית "כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים", אז ווען א קינד גייט דורך א ברית איז עס אלעס לויט ווי אזוי דער טאטע האט עס אראנזשירט. ער האט מכבד געווען דעם מוהל, דעם סנדק, און אזוי ווייטער. דערפאר איז מען מתפלל אז אזוי ווי ביים ברית איז אלעס געגאנגען לויט'ן טאטן אזוי אויך במשך זיין גאנץ לעבן זאל זיך דאס קינד פירן אין דעם טאטנ'ס דרכים און נישט משנה זיין. עס איז זיכער אז די עלטערן פון זייער זייט דארפן טון אלעס וואס איז נאר מעגליך אריינצוגעבן א געשמאק אין די מנהגים און חומרות, אזוי וועלן עס די קינדער פון זיך אליין אנהאלטן אויף שפעטער.

עס איז דא כמה וכמה פרטים ווי אזוי מיר קענען זיכער מאכן אז די הכנות צום יום טוב פסח זאל נישט אריין ברענגען קיין אנגעצויגענקייט אין די קינדער. די וואך וועלן מיר רעדן פון איין פרט און אי"ה אין די קומענדיגע וואכן וועלן מיר ממשיך זיין מיט נאך פרטים.

*מען דערציילט אז עס איז אמאל געווען א געהויבענער איד וועלכער איז געגאנגען באקן מצות. זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט געבאקן מצות מיט אלע הידורים און כוונות. ווען ער איז ארויסגעקומען מיט זיינע מהודר'דיגע מצות האט ער באגעגנט א פשוט'ער איד וועלכער איז אויך אהיימגעקומען פון מצות באקן. יענער איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט, און דער געהויבענער איד האט אים א פרעג געטאן, "ר' יאנקל, וואס זענט איר אזוי פרייליך, איר ווייסט דען נישט וויפיל פראבלעמען עס קענען זיך מאכן ביי די מצות אז זיי זאלן חלילה ווערן חמץ?"*

*האט אים ר' יאנקל געענטפערט, "איך האב געטון אלעס וואס איך דארף, איך האב געבאקן מצות אזוי ווי מיין טאטע האט געטון און ווי אלע ערליכע אידן טוען, און דאס איבריגע האב איך געלאזט אויפ'ן באשעפער."*

*ווען דער געהויבענער איד האט דאס געהערט איז ער אזוי נתפעל געווארן, אז ער האט געבעטן דעם פשוט'ן איד אז ער זאל זיך אויפטוישן די מצות מיט אים, פארלאזנדיג זיך אז א איד מיט אזא אמונה פשוטה איז זיכער נישט נכשל געווארן אין חמץ.* פון דעם זעען מיר אז דער געהויבענער איד האט אויך פארשטאנען אז דער עיקר איז מען דארף טוהן אלץ וואס מען קען און דערנאך טאהר מען זיך נישט זארגן, נאר זיין רואיג און זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער.

מען האט אמאל געפרעגט דעם סטייפלער זצ"ל, וואס איז דער חילוק צווישן א חומרא און א שטות. האט דער סטייפלער געענטפערט, אויב איינער איז מקפיד בשעת נטילת ידים אז זיינע הענט זאלן זיין ריין און ער זאל זיך וואשן כהלכה, דאס איז א חומרא. אבער אויב נאכ'ן זיך וואשן איז ער מלא ספיקות אז אפשר האט ער נישט גענוג אפגעריייניגט די הענט וכדו', דאן איז דאס בלויז מעשה יצר.

דאס זעלבע איז נוגע אין יעדע אידישע שטוב. צוםביישפיל, אויב איינער איז מחמיר אויף שיטת הרא"ש, נאר צו עסן מצה וואס איז נישט געשטאנען א סעקונדע אן ארבעט, איז דאס זייער א שיינע זאך. אבער אויב א גאנצע פסח איז ער נאר פאר'דאגה'ט, ווער ווייסט אויב מען האט טאקע זיכער געמאכט צו מקיים זיין דעם שיטת הרא"ש, דאן ברענגט דאס סתם אן אנגעצויגנקייט און עס טוט גארנישט אויף.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך גרייטן צום יום טוב מיט א רואיגע געמיט און אין א פרייליכע שטימונג.







מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע אדער צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך אי-מעיל רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com